**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/13/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט מער ווי $57 מיליאן געשאנקען דורך רונדע XIII פון די ראיאנאלע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאנסול איניציאטיוו**

***ערשטע לאדונג פון די עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט גרענט פאנד שענקונגען נעמט אריין איבער $46 מיליאן צו שטיצן 47 שאוול-גרייטע פראיעקטן***

***איבער $9.7 מיליאן אין קאפיטל שענקונגען צו 108 קרעפט געטראנקען פראדוצירער און 62 נאן-פראפיט ארגאנאזאציעס***

***פולע ליסטע פון רונדע XIII באקומער קענען ווערן געפונען [דא](#)***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז מער ווי $57 מיליאן איז געווארן געשאנקען צו שטיצן 238 פראיעקטן איבער ניו יארק סטעיט דורך די ראיאנאלע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאנסול איניציאטיוו. רונדע XII נעמט אריין ענפייער סטעיט דעוועלאפמענט שענקונג פאנדס און עקסעלסיור דזשאבס פראגראם טעקס קרעדיטס, וואס איז געווארן געמאכט אוועילעבל אויף אן אנגייענדע און קאנקורירנדע באזיס צו שטיצן די זאפארטיגע געברויך פון געמיינדעס. איבער $46 מיליאן אין פאנדינג פון די פראגראמען וועט שטיצן באדייטפולע פראיעקטן וואס זענען גלייך מיט יעדע ראיאן'ס סטראטעגישע צילן. רונדע XIII וועט אויך אריינעמען צוויי נייע מיקרא שענקונג פראגראמען: די קרעפט געטראנקען מיקרא גרענט פראגראם און די נישט-פאר-פראפיט קעפיטל גרענט פראגראם וואס האט געשאנקען איבער $9.7 מיליאן צו שטיצן 170 קרעפט געטראנקען פראדוצירער און נאן-פראפיט ארגאנאזאציעס דורך די סטעיט.

"ניו יארק סטעיט טוט שטיצן אונזער וואקסנדע געמיינדעס דורך אינוועסטירן אין שאוול-גרייטע פראיעקטן וואס וועט מוטיגן ארבעט שאפונג און העלפן שטיצן לאקאלע עקאנאמיעס," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די רייע פון די פריעקטן טוט אפשפיגלען קריטישע ראינאלע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאנסול בייטראגע פון די סטעיקהאלטער וואס ווייסן זייערע לאקאלע פארמעגנס און אינדוסטריעס די בעסטע, העלפנדיג אונז מאכן סטראטעגישע אינוועסטירונגען צו שפאן געלגנהייט אין אונזערע געמיינדעס, סיי יעצט און פאר די צוקונפט."

די אפליקאציע פאר די עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט גרענט פאנדס בלייבט אפן, און די אפליקאציעס ווערן איבערגעקוקט אויף אן אנגייענדע באזיס ביז די געלט ווערט אויסגענוצט. אפליקאנטן מיט שטארקע, שופל-גרייטע פראיעקטן וואס זענען איינגעשטימט מיט דער סטעיט און רעגיאנס עקאנאמישע אנטוויקלונג פריאריטעטן קענען איינגעבן דורך דער [קאנסאלידירטע פינאנצירונג אפליקאציע](#).

**ליוטענאנט גאווערנער אנטאניא דעלגאדא, טשעיר פון די ראיאנאלע עקאנאמישע דעוועלאפמענט קאנסולס, זאגט,** "די ראיאנאלע עקאנאמישע דעוועלאפמענט קאנסולס טוט ווייטער העלפן פארבינדן סטראטעגישע אינוועסטירונגען צו היסטאריש געליטענע געמיינדעס דורכאויס ניו יארק סטעיט. דורך די

פראצעדור פון אידענטיפיצירן און פאנדן שאוול-גרייטע פראיעקטן וואס שטימען מיט די REDC סטראטעגישע פלענער און צילן, טוט די פאנדינג גיין ווי עס דארף און ווי עס וועט האבן די גרעסטע רושם. דורך ארבעטן נאנט מיט די REDC'ס, ווייס איך אז די שענקונגען וועלן מאכן א חילוק אין וואוקס, דזשאבס, און שטודירונג געלגנהייטן פאר אזויפיל ניו יארקער."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישינער האופ נייט זאגט,** "פון שטיצן STEM עדיוקעישן און פראדוצירן צו ארבעטסקראפט אנטוויקלונג, קינדער פלעגונג און נאך, טוט די REDC'ס אנווייזן די געברויכן און די צוקונפטיגע סוקסעס פון די ראיאנען דורך די פראיעקטן וואס וועלן האבן א דויערהאפטיגע עקאנאמישע ווירקונג. צוויי נייע מיקרא-גרענט פראגראמען וועלן אויך העלפן וואקסן אונזער קרעפטיגע קראפט געטראקנען אינדוסטיע און שטיצן די וויכטיגע ארבעט פון נאן-פראפיטס דורכאויס ניו יארק סטעיט."

די ערשטע רונדע פון ESD גרענט פראיעקטן איז געווארן רעקומענדירט דורך יעדע ראיאנאלע קאנסול צוילב די פראיעקט'ס גרייטקייט און שטימונג מיט יעדע ראיאן'ס סטראטעגישע פלאן. מערקווירדיגע פראיעקטן רעכענען אריין:

- **דיסקאווערי צענטער פון סייענס און טעכנאלאגיע - MOST STEM עדיוקעישן צענטער (צענטראל ניו יארק) - ESD $300,000 שענקונג:** דיסקאווערי צענטער פון סייענס און טעכנאלאגיע וועט ארויסבויען יעצטיגע אומבאנוצטע פלאץ (ביי איר סירעקיוס היים) צו שטיצן די MOST'ס מיסיע. די נייע ספעיס וועט שאפן מער קלאסצימערן פאר די MOST'ס דעי קעמפס און פראגראמען, STEM ביבליאטעק, און עדיוקעישן אפיסעס. **סך הכל קאסט פון פראיעקט: 2.8 מיליאן דאלאר**

- **נאציאנאלע אפשאור ווינד טרעינינג צענטער, אינק. (לאנג איילענד) - $3 מיליאן ESD גרענט:** די נאציאנאלע אפשאור ווינד טרעינינג צענטער, אינק. וועט בויען א גלאבאלע ווינט ארגאנאזאציע טרעינירונג צענטער אין ברענטוואוד, סאפולק אונטי צו צושטעלן זיכערהייט און טעכנישע באשטעטיגונגען פאר יעדן וואס ארבעט אין די אפשאור ווינט אנווייראנמענט. די פראיעקט וועט אריינעמען פארלערנונג געלעגנהייטן, צושטעלן זומער פראגראמען פאר הויך שולע סטודענטן אין די ענערגיע און נאכהאלטיגקייט פעלדער; מאדערנע פראדעצירונג טרענירונג פראגראמען פאר יוגנטווארג/ערוואקסענע, און שטיצן ארבעטסקראפט קאריערע וועגן מיט טרענירונג און באשטעטיגונג געלעגנהייטן. **סך הכל קאסט פון פראיעקט: 11 מיליאן דאלאר**

- **די קונסט אפעקט פון די האסדאן וואלי, אינק. (מיד-האדסאן) - $2 מיליאן ESD גרענט:** די ארט אפעקט וועט ווייטער אויסברייטערן און פארבעסערן די פריערדיגע ליידיגע טראלי בארן און פאוקיפסי, דאטשעס קאונטי, פאר אן עדיוקעישן און יוגנט-קאנצענטרירטע צענטער פאר רעזידענטן צו אויסדרוקן זייערע טאלאנטן און העכערן זייערע עדיוקעישן. די פראיעקט וועט טראנספארמירן די היסטארישע פאוקיפסי טראלי בארן גאלעריע פאר א געמיינדע קונסט, קולטור, און קונסט ארבעסטקראפט דעוועלאפמענט קאמפוס מיט רענאווירונגען און נאך קאנסטאקציע. **סך הכל קאסט פון פראיעקט: 13 מיליאן דאלאר**

- **מידטאון יוטיקע געמיינדע צענטער (מאהאוק וואלי) - ESD $450,000 גרענט:** מידטאון יוטיקע געמיינדע צענטער (MUCC) וועט איבערבויען די אונטערשטע פליגל פון איר געמיינדע צענטער, ערלויבנדיג פאר אויסגעברייטערטע פראגראמען און ארבעט סערוויסעס, וואס טוט

הויפטליך סערווירן די פליטים, אימיגראנטן, און נידריגע איינקונפט יוגנטווארג אין די שווער געפלאגטע געגנט אין יוטיקע. MUCC וועט אנפאנגען א נייע פראגראם מיט יוטיקע סיטי סקול דיסטריקט צו העלפן אריענטירן ניי געקומענע פליטים, אימיגראנטן, און יונגווארג אין די געמיינדע. **סך הכל קאסט פון פראיעקט: 1.2 מיליאן דאלאר**

- **אגדענסבורג בריק און פארט אויטאריטעט - קינדער צענטער (נארט קאנטרי) - $954,000 ESD גרענט:** די אגדענסבורג בריק און פארט אויטאריטעט וועט בויען א נייע קינדער פאציליטעט אין קאמערס פארק אין אגדענסבורג. עס וועט צושטעלן ביז 125 נייע קינדער קעיר עפענונגען פאר די דערנעבנדיגע געגנט, בענעפיטירנדיג קינדער, עלטערן, און ביזנעסער. **סך הכל קאסט פון פראיעקט: 4.7 מיליאן דאלאר**

- **פודיירעקט, אינק. (ניו יארק סיטי) - $1 מיליאן ESD גרענט, $1 מיליאן עקסעלסיור ארבעט טעקס קרעדיט:** פודיירעקט וועט איבערפרישן און רענאווירן איר עסן פארטיילונג צענטער ביי די האנטס פוינט קאאפעראטיוו מארקעט אין די בראנקס. די רענאווירונג וועט אריינעמען ענערגיע טיכטיגקייט פארבעסערונגען, א מאדערנע פרידזשדער סיסטעם און מאדערנע אינסולירונג מעטאדן, וואס וועט באדייטנד נידערן די אפעראציע'ס קארבאן פוסטריט. די פראיעקט וועט אויך צוגעבן צו די גאנצע אנטוויקלונג איניציאטיוו וואס געשעט יעצט ביי די האנטס פוינט מארקעט קאמפלעקס. **סך הכל קאסט פון פראיעקט: $18 מיליאן**

- **ספארטספיעלד ספעשלטיס, אינק. (דרום ראנג) - $500.000 מיליאן ESD גרענט, $1.5 מיליאן עקסעלסיור ארבעט טעקס קרעדיט:** ספארטספיעלד ספעשלטיס, אינק. (SSI) איז א ספארטס געצייג פראדעצורער אין דעלי, דעלאווער קאונטי. SSI וועט אויסברייטערן איר פראדוקציע אפעראציעס דורך אויסנוצן ליידיגע פראפערטי באהאפטן צו איר עקזיסטירנדע פלאץ. די פראגעשטעלטע פראיעקט וועט אריינעמען א 60,000 סקווער-פיס פראדוקציע פלענט אויסברייטערונג מיט מאדערנע געצייג, א נייע אפיס קאמפלעקס, מעכאנישע געשעפט און סטארעדזש. **סך הכל קאסט פון פראיעקט: 27.5 מיליאן**

נאנט צו $4.8 מיליאן איז ששוין געווארן געשאנקען צו שטיצן 108 פראיעקטן דורך די קרעפט געטראנקען מיקרא גרענט פראגראם, אויסגעשטעלט צו העכערן איר פראדוקציע מעגליכקייט, ביזנעס אינפרעסטרוקטור און פראפיטיביליטי פון ביזנעסער געלייסענסד צו פראדעצורן וויין, ביר, ספיריטס, הארד סיידער און מיעד אין ניו יארק סטעיט.

הויכפונקטן פאר די קרעפט פראגראם נעמט אריין:

- **ספעקלד פיג בריואינג קא., LLC (קאפיטל ראיאן) - $425,000 ESD גרענט:** ספעקלד פיג בריואינג אין באלסטאן ספא, דאראטאגע קאונטי, וועט אויפפרישן איר ביר הויז צצייג און קויפן א נייע קענינג ליין און קעג רייניגונג סיסטעם. די פרישע געצייג וועט צושטעלן ספעקלד פיג מיט די מעגליכקייט צו אויסברייטערן די פארקויף פון איר ניו יארק סטעיט קרעפט ביר צו איבער 100 רעסטוראנטן/שענקהייזער, ווי אויך פארטיילן זייער ביר איבער די סטעיט.

- **בירדהאוז בריואינג קאמפּענט, אינק. (פינגער לעיקס) - ESD $50,000 גרענט:** בירדהאוז בריואינג טוט אויסברייטערן איר פאציליטעט אין האונאו, אנטעריא קאונטי, און טוט איבערפרישן איר זייען סיסטעם פון א דריי-פאס בריען סיסטעם צו א זיבן-פאס בריען סיסטעם. די אויסברייטערונג וועט ערלויבן בירדהאוז בריואינג צו העכערן פראדוקציע און בריען מעגליכקייט און ווערן מער זעלבסשטענדיג, אוועקגייענדיג פון דארפן א דריטע-פארטיי בריען קאמפעני צו העלפן אנטוויקלען רעצעפטן און שטיצן גרויס פראדוקציע.

פולע ליסטע פון באקומער פאר די קרעפט פראגראם קענען ווערן געפונען [דא](#).

מער ווי $4.9 מיליאן איז געווארן געשאנקען צו שטיצן 62 פראיעקטן דורך די נאט-פאר-פראפיט קאפיטל גרענט פראגראם, וואס שטיצט נאט-פאר-פראפיט ארגאנאזאציעס וואס שטעלן צו עקאנאמישע און געמיינדע בענעפיטן אין זייער ראיאן צו העלפן מיט פאציליטעט פארבעסערונגען און איבערפרישונגען.

הויכפונקטן פאר די נאט-פאר-פראפיט פראגראם נעמט אריין:

- **די אינספייערד קאמיוניטי פראיקעט, אינק. (ניו יאָרק סיטי) - ESD $100,000 גרענט:** די אינספייערד קאמיוניטי פראיעקט'ס (TICP) מיסיע איז צו פארזיכערן אייניגע צוטריט צו ספעציעלע עדיוקעישן אנווייזונגען, הילפסמיטלען, און ארעטקראפט אנטוויקלונג טרענירונג. TICP קאנצענטרירט זיך אויף צושטעלן קוואליטעט פריע קינדער עדיוקעישן, טשיילדקעיר אפציעס, און טעראפי סערוויסעס אין די עקאנאמיש געפלאגטע בראנקס. גרענט פאנדינג וועט אויך העלפן אויסשטאטן און בויען א נייע לאקאציע אין די בראקנס, און אוועקשטעלן א פריע אינטערווענירונג טעראפי צענטער און טשיילדקעיר פאציליטעט וואס שטעלט צו ספעציאליזירטע עדיוקעישן פאר ניוראדייווערדזשענט קינדער. די פראיעקט וועט אויך אריינעמען ארבעטסקראפט אנטוויקלונג פראגראמען.

- **הארט, לאוו & סאול, אינק. (מזרח ניו יאָרק) - ESD $100,000 גרענט:** הארט, לאוו, און סאול איז א נאן-פראפיט געמיינדע ארגאנאזאציע וואס שטעלט צו הונגער-ערלייכטערונג און סאציאלע פלעגונג צו נידריגע-איינקונפט אינדיווידואלן און פאמיליעס. גרענט פאנדינג וועט ווערן גענוצט צו רענאווירן און אויסברייטערן זייער יעצטיגע פאציליטעט אין ניאגרא פאלס צו סערווירן מער קליענטן.

פולע ליסטע פון באקומער פאר די נאט-פאר-פראפיט פראגראם קענען ווערן געפונען [דא](#).

אין צוגאב, איז איבער $1 מיליאן שוין געווארן געשאנקען דורך די סטראטעגישע פלאנירונג און מעגליכקייט שטודיעס פראגראם. די שענקונגען שטיצן 21 פראיעקטן דורך ווארקינג קאפיטל גרענטס צו שטיצן סטראטעגישע אנטוויקלונג פלענער פאר מונוציפאלן און קאונטיס, און אפשאצונג און פלאנירונג מעגליכקייט שטודיעס.

די REDC פראצעדור זעצט פאר צו שטיצן און פארשטערקערן ראיאנישע פאראינטערעסירטע פארטייען אינעם אנטוויקלען סטראטעגישע פלענער און פינאנצירונג פריאריטעטן וועלכע קומען נאך די לאקאלע עקאנאמישע באדערפענישן. ביז היינט, דורך די REDC איניציאטיוו, איז מער ווי $7.8 ביליאן שוין געווארן געשאנקען צו מער ווי 9,700 ארבעט שאפונג און געמיינדע אנטוויקלונג פראיעקטן ביישטענדיג מיט יעדע ראיאן'ס סטראטעגישע פלאן.

**איבער די קאַנסאַלידעיטעד פאָנדינג אפליקאציע**
דער קאַנסאַלידעיטעד פאָנדינג (פאראייניגטע פינאנצירונג) אפליקאציע איז געעפנט געווארן צו מאכן דעם פראצעדור פונעם אפּלייען פאר א גרענט גלאטער און שנעלער. דער CFA פראצעס צייכנט אפּ א פונדאמענטאלע ענדערונג אין דעם אופן וואס סטעיט רעסאָרסן ווערן אלאקירט, פארזיכערנדיג ווייניגער ביוראקראטיע און מער ווירקזאמקייט צו ערפילן ארטיגע עקאנאמישע אנטוויקלונג געברויכן. די CFA סערווירט אלס דער איינציג איינטריט פונקט פאר צוטריט צו עקאנאמישע אנטוויקלונג פאָנדינג, צו פארזיכערן אז אפליקאנטן דארפן מער נישט שטייטלעך נאוויגירן מערערע אגענטורן און קוועלער אן קיין מעכאניזם פאר קאארדינאציע. יעצט טוהען עקאנאמישע אנטוויקלונג פראיעקטן ניצן דער CFA אלס א שטיצע מעכאניזם צו האבן צוטריט צו מערערע סטעיט פינאנצירונג קוועלער דורך איין אפליקאציע, מאכנדיג דעם פראצעס שנעלער, גרינגער, און מער פראדוקטיוו. לערנט מער איבער די CFA [דא](#).

**איבער די ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס**
דער ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל איניציאטיוו איז א הויפט שטאנדטייל פון די סטעיט׳ס צוגאנג צו סטעיט אינוועסטירונג און עקאנאמישע אנטוויקלונג. אין 2011, זענען 10 ראיאנישע קאונסילס זענען אוועקגעשטעלט צו אנטוויקלען לאנג-טערמיניגע סטראטעגישע פלענער פאר עקאנאמישע וואוקס פאר זייער ראיאנען. די קאונסילס זענען פובליק-פריוואטע צוזאמענארבעטשאפטן צוזאמענגעשטעלט פון ארטיגע מומחים און סטעיקהאָלדערס פון ביזנעס, אקאדעמיע, ארטיגע רעגירונג, און נישט-רעגירונג ארגאניזאציעס. די ראיאנישע קאונסילס האבן אויפדאסנייי אנגעדייטעט דעם אופן וויאזוי ניו יארק אינוועסטירט אין דזשאבס און עקאנאמישע וואוקס דורך שטעלן אין פלאץ א קאמיוניטי-באזירטע, פון-אונטן-ארויף צוגאנג און אוועקשטעלן א פארמעסטערישע פראצעס פאר סטעיט שטיצע-מיטלען. לערנט מער אויף regionalcouncils.ny.gov

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418